№ 48 ניינטער יאָרגאַנג פּרייז 50 גר. 25 נאָוועמבער 25listopada 1932

# ליטעראַרישע בלעטער

אילוסטרירטע וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור טעאַטער און קונסט

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

# דזשאָן גאָלסוואָרטי

אין דעם פּעלקער־נעראַנגל פאַר דער היי־יאָריקער נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור האָט נעזיגט ענגלאַנד. פראַנקרייך האָט געהאַט פּרעטענזיעס אויף דעם נאָבעל־פּריז, די רוסן (איבערהויפּט פון דער עמיגראַציע) האָבן געפאָדערט די פּרעמיע פאַר איוואַן בונין אָדער פאַר ד. מערעזשקאָווסקי. אויך אַמעריקע האָט אָנגעבאָטן אַלס קאַנדידאַט אַפּטאָן סינקלער. עס זענען געווען שטאַרקע פאָדערונגען פאַר מאַקסים גאָרקי. שטילערהייט האָט מען אויך גערעדט וועגן אַ צוויי שוועדישע שריפטשטעלער. און לסוף האָט די פּרעמיע באַקומען דער ענגלענדער — דזשאָן גאָלסוואָרטי.

אין דער וועלט־פּרעסע ווערט באַהאַנדלט די גאָלסוואָרטי־קאַנדידאַטור. קיין גרויס קעגנערשאַפט רופט זי נישט אַרויס, ווי עס טרעפט אָפט ביי די באַשטימונגען פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע. דזשאָן גאָלסוואָרטי איז שוין פון לאַנג פאַררעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער היינטיקער ענגלישער ליטעראַטור, און זיין ציקל ראָמאַנען „די פאָרסייטס־סאַגאַ“ פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור. פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלץ איז מען צופרידן אין ענגלאַנד גופא. זייערע אַמביציעס זענען באַפרידיקט. די ענגלישע ציטונגען שרייבן, אַז אין ענגלאַנד איז נישטאָ קיין מער פּאָפּולערער שריפטשטעלער ווי גאָלסוואָרטי. ער דריקט אויס אַמשטאַרקסטן און אַמבעסטן דעם גייסט פון דער ענגלישער נאַציע. ער זעצט פאָר די טראַדיציע פון דיקענס און טעקערייַ, וועלכע ער האָט באַוויזן צוזאַמענצושמעלצן מיט די רוסישע קינסטלערישע טראַדיציעס. גאָלסוואָרטי שעצט זייער שטאַרק טורגעניעוון און טאָלסטאָיען, און זייערע איינפלוסן זענען זייער גרויס אויף זיין שאַפן. קיין שום אַנדערער שרייבער ווערט נישט אַזוי שטאַרק געליעבט אין ענגלאַנד ווי גאָלסוואָרטי. עס ווערט אָנגעוויזן, אַז אין ענגלאַנד איז כמעט נישטאָ קיין הויז, וווּ עס זאָל זיך נישט געפינען זיין „פאָרסייטס־סאַגאַ“. דערצו גיבן צו די ענגלישע ציטונגען, אַז מיט דער היי־יאָריקער באַשטימונג איז פאַריכט געוואָרן די עוולה, וואָס די שוועדישע אַקאַדעמיע איז באַגאַנגען לגבי ענגלאַנד. אין דער צייט, וואָס דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָבן שוין באַקומען נאָבעל־פּרעמיעס פאַר ליטעראַטור צו פינף מאָל, האָבן ביז־אַהער די ענגלענדער באַקומען בלויז צוויי מאָל — קיפּלינג און שאָו. — אַ שרייענדיקער פאַקט איז, וואָס אין משך פון די דרייסיק יאָר, זינט די נאָבעל־פּרעמיעס ווערן אַרויסגעגעבן, האָט די רוסישע ליטעראַטור קיין איין מאָל די פּרעמיע נישט באַקומען.

דזשאָן גאָלסוואָרטי איז איצט אַלט 65 יאָר. ער איז געבוירן אין אַ רייכער פאַמיליע, געענדיקט דעם אָקספאָרדער אוניווערסיטעט און געוואָרן אַדוואָקאַט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מאַטעריעלן אינטערעס צו פאַרנעמען זיך מיט אַדוואָקאַטור. ער האָט זיך ליבערשט פאַרנומען מיט ספּאָרט, פיל אַרומגערייזט, און נישט געהאַט בדעה צו פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור. זיין שרייבן האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין פרוי אַדאַ גאָלסוואָרטי. וועגן דעם האָט גאָלסוואָרטי אַמאָל אַליין דערציילט: „...ווען מען ווערט דערצויגן אין אַן ענגלישער „עפּנטלעכער שול“ און שפּעטער אין אַן אוניווערסיטעט, אַז מען האָט ליב ספּאָרט און אַרומרייזן און מען האָט נאָך דערצו אַ גענוגנדיקע הכנסה, וועלכע מאַכט אַ מענטשן אומאָפּהענגיק, און מען איז נאָך חוצדעם אַן אַדוואָקאַט אָן שטענדיקער באַשעפטיקונג — נעמט מען די ליטעראַטור נישט ערנסט. דאָך טוט מען צוליב עמעצן, וועמען מ'האָט ליב... איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן. אין משך פון צוויי יאָר האָב איך אָנגעשריבן ניין געשיכטעס“. לכתחילה האָט גאָלסוואָרטי געשריבן אונטער דעם פּסיידאָנים דזשאָן סינדזשאָמאַ, פאַרעפנטלעכט אַ ריי זאַכן, וועלכע האָבן קיין באַזונדערן איינדרוק נישט געמאַכט. זיין ערשט ווערק האָט ער אָפּגעדרוקט נאָך אין יאָר 1895, אָבער אַ נאָמען באַקומט ער ערשט אין 1906, ווען ער פאַרעפנטלעכט זיין ראָמאַן „פאַרמעגלעכער מאַן“, וואָס איז דער ערשטער טייל פון דער גרויסער סעריע פאָרסייטס־סאַגאַ. אָט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק, וואָס באַשטייט פון צוויי טרילאָגיעס און פיר אונטערליודיעס, האָט ער געשריבן איבער 20 יאָר. די צווייטע סעריע פון דעם ווערק הייסט „היינטצייטיקע קאָמעדיע“, — עס הויבט זיך אָן מיט „ווייסע מאַלפּע“ (1924), דערנאָך קומט „דער זילבערנער לעפל“ (1926) און עס ענדיקט זיך מיט „דאָס שוואַנען־ליד“ (1928). אין דעם פאָרוואָרט צו דעם ווערק „פאָרסייטס־סאַגאַ“ ווייזט אָן גאָלסוואָרטי, אַז דעם „טערמין „סאַגאַ“ (העלדן־געשיכטע) באַנוצט ער אין דעם איראָנישן זין, ווייל אינם לעבן פון די פאָרסייטס איז קיין העלדיש נאָרנישט פאָרגעקומען“. „אויב דער העכערער קלאַס — ענדיקט גאָלסוואָרטי זיין הקדמה — איז צוזאַמען מיט די איבעריקע



ווייס דערפֿון, וועל איך זאָגן, אַז צוליב דעם זעלביקן טעם, פֿון וועלכן דו ווייסט, אַז די סומע פֿון דריי ווינקלען פֿון אַ דרייעק גלייכן זיך צוויי גראַדן... ווייל דער אמת איז דער פּרובּיר־שטיין פֿון זיך אַליין ווי אויך פֿון דעם שקר".

ס'איז פֿאַר שפּינאָזאַ פּרוכטלאָז אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם, צי דער שכל איז בכח צו באַגרייפֿן די ווירקלעכקייט. פּונקט ווי עס איז צוועקלאָז אַריינצוטראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט געמאַכט דעם ערשטן האַמער, ווען ס'איז נאָך אינגאַנצן קיין האַמער נישט געווען אויף דער וועלט. דער שכל פֿאַרמאָגט אַ אינעווייניקסטן כח זיך אויסצואַרבעטן דערקענטניש־אינסטרומענטן, וועלכע שטייגערן בײַ אים שטופֿנווייז בײַז גרעסער חכמה.

שפּינאָזאַ אונטערשיידט פֿונדערסטוועגן דריי אַרטן פֿון דער־קענטעניש: 1) אַ דערקענטעניש, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דעם פֿאָרשטעלונגס־כח (אימאַגינאַטיאָ). 2) אַ דערקענטעניש, וואָס דרינגט אַרויס פֿון דער שכלדיקער אַקטיווקייט (ראַטיאָ). 3) אַ דערקענטעניש, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אומוטלבאַרער אינטואיטיווער אַריינדרינ־גונג, ד. ה. אָן זינלעכער דערפֿאַרונג און אָן לאָגישע באַווייזן (קאָגניטיאָ אינטואיטיוואַ). די דאָזיקע דערקענטעניש־שטאַפּלען האָבן געבילדעט דעם גייסטיקן לייטער, איבער וועלכן שפּינאָזאַ האָט גע־קלעטערט צו די הימלען, בכדי זיי אַראָפּצוציען אויף דער ערד.

■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■

*ה. לייוויק / קאָלאָראַדאָ*

# אין טאָג פֿון גאולה

(אויף אַ מאָטיוו פֿון מיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם חלומט״) (ספּעציעל די „ליט. בלעטער״)

אין טאָג פֿון דער גאולה האָט דאָס פֿאָלק געטאַנצט,
נאָר איינער אין דער שמחה האָט נישט מיטגעטאַנצט, —
דער גואל.

אין אָוונט בײַ דער סעודה האָט דאָס פֿאָלק געוואַרט, —
אויבנאָן זאָל פֿאַרנעמען זיין כבוד־שטול
דער גואל.

געוואַרט, — און דאָס טאַנצן נישט אָפּגעשטעלט. —
— רייסט נישט איבער די פֿרייד, האָט פֿאַרזאָגט אין דער פֿרי
דער גואל.

דאָס פֿאָלק וואַרט אַ שעה, און וואַרט צוויי און דריי,
און אַליין פֿאַרנעמט נישט זיין אָרט אויבנאָן
דער גואל.

דאָס פֿאָלק גיט אַ קוק, און דערזעט מיטאַמאָל:
פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ווי פֿון אונטער די הענט
דער גואל.

דאָס פֿאָלק לאָזט מיט טענץ זיך אַוועק איבער שטאָט,
און זוכט, — נאָר עס זוכט זיך אין ערגעץ נישט אָפּ
דער גואל.

און פּלוצלינג, — פֿון ערגעץ דערגרייכט אַ געוויין,
און אַלע דערקענען אין קול, אַז דאָס וויינט
דער גואל.

דאָס פֿאָלק גיט אַ ציטער. און אָט — עס דערזעט:
אין אַ ליידיקער תפֿיסה זיצט עלנט און וויינט
דער גואל.

דער טאַנץ רייסט זיך איבער. — „צעשטערט נישט די פֿרייד,
„צערייסט נישט דעם טאַנץ, בעט מיט שטילן געוויין
דער גואל.

„נאָך שטאַרקער אין טאַנץ און נאָך שטאַרקער אין פֿרייד,
„ווי באַלד, אַז איר הערט שוין ווי ס'וויינט זיין געוויין
דער גואל. —"

— „מיר הערן דיין וויינען, נאָר, זאָג אונז, פֿאַרוואָס? —"
— „צו באַזינגען אייער פֿרייד —" האָט געזאָגט אין געוויין
דער גואל.

— „קום, זיץ אויבנאָן, —" — „זאָגט אַפֿריער מיר צו,
מער די שמחה נישט אָפּהאַקן", — זאָגט מיט געוויין
דער גואל.

— „מיר זאָגן דיר צו, האָט געענטפֿערט דאָס פֿאָלק. —
— „וועל איך איצטער אייך בענטשן, האָט געזאָגט מיט געוויין
דער גואל.

דאָס פֿאָלק לאָזט זיך גיין צו דער סעודה צוריק,
און פֿאָרויס מיט געהויבענע הענט גייט און בענטשט
דער גואל.

עס פֿלאַקערט די שמחה. קאַפּעליעס און טענץ.
און הויך אויבנאָן זיצט אין עלנט און וויינט
דער גואל.

(ספּיוואַקס סאַנאַטאָריע, קאָלאָראַדאָ)

■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■ ■■

*י. אָפּאַטאָשו / ניו-יאָרק*

# עפּי

(דערציילונג) (ספּעציעל די „ליטעראַרישע בלעטער״)

עפּי איז געשטאַנען אויף דער הינטערשטער וועראַנדע, וואָס צום וואַלד צו, און געקוקט ווי דער טאָג זעצט זיך. ביימער, לאָנקעס, מעקעדיקע קי — אַלץ האָט געפֿלייצט, אַלץ איז געבליבן שטעקן אין אירע גרויסע, טרויעריקע אויגן.

דער פֿאַרנאַכט האָט זיך געקנייטשט, האָט זיך געשאָטנט, האָט זיך צעלייגט איבער איר פּנים, וואָס איז אַזוי אויך געווען ברוין און טונקל.

... דאָס שטילע „קאַלאָניעל"־הויז אין עק שטאָט, פֿון וואַן די מוטער, אַ ווייסע, איז מיט יאָרן קריק פֿאַרשוווּנדן, האָט זיך נישט אַרויסגעזען פֿון צופֿיל ביימער און קריך־פֿלאַנצן. דער ברודער, עריק, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון יעיל, נישט געקענט אויסהאַלטן פֿון די ווייסע סטודענטן, האָט זיך געדרייט איבער די ליידיקע, פֿאַרוואָרלאָזטע צימערן און געליטן פֿון מרה־שחורה. דער פֿאָטער, דאָקטער פֿרענק דזשאָנסאָן, אַ שוואַרצער, איז שטענדיק געזעסן איבער מעדיצינישע זשורנאַלן. ער איז געווען קאַלט צו די קינדער, כמעט נישט גערעדט מיט זיי, ווי זיי וואָלטן געווען פֿרעמדע. און עפּי? זי איז געווען, ווי אַ יונגער פֿויגל, וואָס מען האָט טאַטע־מאַמע דערשאָסן, און זי, עפּי, דאַרף זיך אַליין דערנערן. זי איז נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט

געוועזן און די פרוי אין איר האָט אַרויסגעשריגן פון די טרויעריקע אויגן, פון די בויגיקע, שמאָלע פּלייצעס. זי האָט שפּאַצירט מיטן אַרכיטעקט, מיטן יונגן אַפּטייקער, מיטן נאָך יונגערן דענטיסט — שפּאַצירט אין וואַלד, פאַרקראָכן מיט זיי אין געהיימע ברייזלעך.

עפּי האָט נישט געקענט איינזיצן אין שטוב, ווו שטילקייט און מרה־שחורה האָבן זי געטריבן אין וואַלד אַריין, אין פעלד אַריין, פאַרשטאַרקט די בענקעניש נאָך דער מוטער, וואָס זי, עפּי, האָט נישט געקענט.

ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאַכט. דאָס פינסטערניש, וואָס איז געקראָכן פון וואַלד, פון די לאָנקעס, געקראָכן שטיל און שווער, האָט איינגעהילט די וועראַנדע, ווו עפּי איז מיט די פּלייצעס געשטאַנען אָנגעשפּאַרט לעבן אַ הילצערנער קאָלאָנע.

אַ פאַרשטיקט געוויין האָט זיך געקנוילט אין איר. די זיבעצן יאָר האָבן זיך געוויקלט אַרום די רינג, שמאָלע פּלייצעס, אַרום דעם אויסגעבויגענעם האַלז, אַרום דעם צעקנייטשטן, אויסגעשמירטן קלייד, וואָס זי האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך.

עפּי האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

דער ברודער, עריק, וואָס איז נישט ענלעך געווען אויפן פאָטער, אויף דער שוועסטער, איז אונטערגעקומען מיט ווייכע, לייכטע טריט. די אַפריקאַנער ייִדעס האָבן אַרויסגעשריגן פון זיינע געקרייזלטע האָר, פון דער פּלאַטשיקער נאָז, פונם גרויסן מויל מיט די לעבער־ליפּן. און




י. אָפּאַטאָשו (אין מיטן) מיט אַ גרופּע שרייבער אין וואַרשע (אין יאָר 1931). פון רעכטס: מ. ראַוויטש, א. צייטלין, י. באַשעוויס, י. קירמאַן, ק. מאָלאָדאָווסקי.

אַז די מאַמע איז געווען אַ ווייסע, דער טאַטע אַ מולאַט, איז וואָס? ס'לעבן האָט נקמה גענומען, באַשאַפן אַ פּרצוף, וואָס וואָלט געקוּנט געווען פאַר צען נעגערשע דורות. מרה־שחורה און ביטול, וואָס זענען געלעגן אין עריקס אויגן, אַרום די ליפּן, האָבן זיך צעשפּילט אין אים. ער האָט אַ פרעג געטון די שוועסטער:

— וואָס איז, עפּי? וואָס וויינסטו?

עפּי האָט אַריינגעכאַפּט ס'פּנים אין די הענט, אָנגעשפּאַרט די הענט אָן דער הילצערנער קאָלאָנע און זיך געבעטן ביים ברודער:

— לאָז מיך צורו.

— וואָס, עפּי? וואָלטער, דיין דענטיסט, דער הינטישער זון — איז דער ברודער צוגעשטאַנען צו דער שוועסטער, געוואָלט איר אַ קוק טון אין פּנים אַריין.

עפּי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים. מיט אַ שפּרונג איז זי אַריבער אויף דער צווייטער זייט וועראַנדע. ס'גאַנצע לייב אירס האָט זיך גענומען קאַרטשען און דרייען, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס אַרויסוואַרפן פון זיך און האָט נישט געקענט. פון דעם בויגיקן האַלז האָבן זיך געריסן שטיקלעך קולות, היסטעריקע, פאַרשטיקטע, און מיטאַמאָל — אַ פאַרשפּיצט היילן, ווי אַ חיה וואָלט זיך צעוויינט.

— ווער וויינט — האָט דער פאָטער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויף דער וועראַנדע.

— עפּי — האָט דער ברודער געענטפערט.

— וואָס וויינט זי?

— זי וויל נישט זאָגן.

די נאַכט האָט עפּין פאַרשטעלט. עריק האָט פאַרוויכערט אַ סיגאַרעט, דערזען ביים פלאַקער פון שוועבעלע, אַז עפּי בלוטיקט, ס'ווייסע קלייד איז אויסגעשמירט מיט בלוט. ער האָט אַנגעשריי געטון:

— טאַטע!



דאָקטער דזשאַנסאָן איז אַרויס אויף דער וועראַנדע מיט אַ מעדיציניש זשורנאַל. דער פאָטער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געפּיעשטשעט די טאָכטער, האָט איצט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל:

— וואָס איז, עפּי, טאָכטער מיינע?

דער פאָטער איז מיט איר אַריין צו זיך אין צימער. דער ברודער, אַ געבויגענער, האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט. דער פאָטער איז געבליבן אַ לענגערע צייט מיט דער טאָכטער, און אַז ער איז קריק אַרויס, האָבן זיינע אויגן זיך געצונדן, ווי פאָספאָר, געזוכט דעם זון. ער האָט געשפּרייזט און גערעדט צו זיך:

— מיין אָרעם מיידל! מיין אָרעמע עפּי!

עריק האָט אָפּגעשטעלט דעם פאָטער:

— אויב ס'איז אמת, טאַטע, וועל איך אים דערשיסן! דערשיסן, ווי אַ הונט! די בעסטיע! די ווייסע בעסטיע! ווער, זאָגט זי? וואָלטער?

דער פאָטער האָט באַלד נישט געענטפערט. אַ הויכער, אַזש געבויגן פון צופיל הייך. די טונקעלע האָר זענען געפאַלן פּאַסמעסווייז איבערן גרויסן שטערן, איבער די ווייסע שלייפן. שווער געווען צו זאָגן, אַז אין אים רינט נעגעריש בלוט. ער האָט געקוקט אויפן זון און זיך אָנגערופן:

— און אַז דו וועסט וואָלטערן דערשיסן, וואָס וועט עפּי דערפון געווינען? די גאַנצע שטאָט וועט זיך דערוויסן, און עפּי וועט זיך קיינעם אויף די אויגן נישט קענען ווייזן. ס'איז דאָ איין וועג — וואָלטער זאָל מיט איר חתונה האָבן.

— ער וועט נישט, טאַטע!

— וועלן מיר שפּעטער זען!

דאָקטער דזשאַנסאָן איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט געעפנט אַ שויבן־שענקל, געגנישטערט צווישן די בלאַנקגדיקע אינסטרומענטן, זיי געלייגט אין אַ קליינער לעדערנער וואַליזע. ער איז אַרויס צום זון:

— עריק, פיר אַרום דעם אויטאָמאָביל.

דער דאָקטער האָט זיך געזעצט ביים ראָד. עריק האָט אַראָפּגערוקט דעם קעפּ איבער די אויגן און איז אַריין אינעווייניק. ער האָט זיך געזעצט פון הינטן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, און נישט געהערט, ווי די מאַשין האָט גענומען גיין, נישט געהערט, ווי זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ביי זיך אויפן הויף איז געשטאַנען וואָלטער אָן אַ ראָק. ער האָט גערויכערט אַ ציגאַר און באַטראַכט זיין נייעם פּעקאַרד. וואָלטער האָט דערזען דזשאַנסאָנען און דערפילט, ווי ס'בלוט רינט ביי אים אָפּ פון די שלייפן. ער האָט געטאַמעוועט אין זיך די שרעק און זיך צוגעגעבן קוראַזש:

— האַלאָ, דאָקטער דזשאַנסאָן!

דזשאַנסאָן האָט נישט געענטפערט און גלייך אָנגעהויבן:

— עפּי איז קראַנק...

וואָלטער האָט געעפנט אַ פּאָר בלויע, אומשולדיקע אויגן, ווי ער וואָלט פון קיין זאַך נישט געוווּסט.

דאָקטער דזשאַנסאָן האָט אויפגעציטערט, גערעדט שטיל, גאָר שטיל:

— ווען דו, וואָלטער, וואָלסט געווען אַ לייטישער מענטש, וואָלסטו נישט געוואַרט, ביז עפּיס פאָטער וועט קומען צו דיר... וואָלסט שוין לאַנג געווען ביי מיר, וואָלסט געבעטן, כ'זאָל דיר מוחל זיין...

וואָלטערן איז אָפּגערונען ס'בלוט פון פּנים. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— וואָס איז? וואָס איז דען געשען?

— שווייג! — איז דזשאַנסאָנס אויבערשטער האַלבער־קערפּער אויפגעשפּרונגען, ווי אַ קלינג פון אַ מעסער — שווייג, דען כ'זאָג נישט גוט פאַר מיר! כ'וויל, זאָלסט חתונה האָבן מיט מיין טאָכטער, מיט עפּין!

— חתונה האָבן? — האָט וואָלטער זיך גענומען רוקן אויף קריק — מיינע עלטערן וועלן דאָס קיינמאָל נישט דערלאָזן!

— זיי וועלן קיינמאָל נישט דערלאָזן — האָט דאָקטער דזשאַנסאָן אים איבערגעקרומט און מיט ביטול געצויגן די ווערטער — אויב זיי וועלן נישט דערלאָזן, זאָג זיך אָפּ פון די עלטערן.

וואָלטער האָט געשוויגן.

— וואָס שווייגסטו?

פאַר דייטשע אָפיצירן אין די ערשטע רייען. און יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געקאָנט אַריינבראָקן דייטשע אויסדרוקן, זענען ביי זיך געווען געהויבן.

מען איז געשטאַנען פאַר א געפאַר פון שפּראַך־אַסימילאַציע, פּראָפּאַגירט דורך יידישע אַרטיסטן. אָבער די „מאָדע" איז גיך פאַריבער. דער בעסערער, באַוווסטזיניקער עלעמענט פונם יידישן אַקטיאָר האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט און מ'האָט באַקעמפט די מגפה, וואָס האָט געדראָט דעם יידישן טעאַטער.

און נישט נאָר וואָס די יידישע אַרטיסטן האָבן אָנגעהויבן צוריק צו רעדן א ריינעם יידיש, נאָר זיי האָבן אויך מיטגעריסן די דייטשן, וועלכע האָבן זיך געשמאַק גענומען צו לערנען זייערע ראָלן אין יידיש. עס איז געווען א נחת צו הערן, ווי די דייטשקעס מיט די דייטשן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען שוין גענוג פּאָפּולערע און באַליבטע אַרטיסטן — ווי: מיצי האָפּע, פינא סערבע, פּריצי אַרקאָ און ק. מעטעי, האָבן גערעדט א גאַנץ נישקשהדיקן יידיש.

פון די אַלע דייטשן האָט זיך אויסגעטיילט צום גוטן מיט זיין שיינעם, זאַפטיקן יידיש דער לאָדזשער אַקטיאָר וואַלדעמאַר הייניצע. ער שטאַמט פון אַן אָנגעזעענער קריסטלעכער משפּחה אין לאָדזש. בעת דער מלחמה איז ער אַריבער צום יידישן טעאַטער, ווו ער שפּילט ביזן היינטיקן טאָג. ער באַהערשט גלענצנדיק אין וואָרט און שריפט די יידישע שפּראַך.

פון די אַרטיסטן, וואָס זענען נאָך דער מלחמה אַריבער צום יידישן טעאַטער, דאַרף מען קודם כל דערמאָנען די באַוווסטע דייטשע אַרטיסטן דזשעני וואַליער, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקע שפּילן דייטש טעאַטער. אין יאָר 1919 ווערט זי אַנגאַזשירט דורך מאָריס שוואַרץ אין קונסט־טעאַטער. זי שפּילט יידיש טעאַטער קנאַפּע 10 יאָר. זי ווערט אַריינגעצויגן אין א גרויסן סקאַנדאַל, וואָס צווינגט זי צו פאַרלאָזן די יידישע בינע, און צוריקצופאָרן קיין דייטשלאַנד.

עס דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן די בערלינערין העני לעימאַן, וועלכע איז אַריבער צום יידישן טעאַטער און געשפּילט אין קאָוונע און דערנאָך אין ריגע מיט קוטנערן. זי לייענט און שרייבט אַן אויסגעצייכנטן יידיש. מיט צוויי יאָר צוריק האָט זי זיך מגייר געווען.

די באַקאַנטע אָפּערעטן־אַרטיסטין ק. איז א פּראַוואָסלאַוונע. דערצויגן געוואָרן אין ווילנע אין א יידישער סביבה, האָט זי אַזוי אַרום באַוויזן אויסצולערנען גרינטלעך די יידישע שפּראַך. אָנגעהויבן אַלס כאָריסטין אין ווילנער יידישן טעאַטער און מיט דער צייט געוואָרן א באַוווסטע יידישע אָפּערעטן־שוישפּילערין. זי שפּילט ביזן היינטיקן טאָג יידיש טעאַטער, צוזאַמען מיט איר קריסטלעכן מאַן (א סערב).

מען דאַרף אַהער אויך צורעכענען: בוזעט — געווען אַמאָל א פילם־סטאַר, א קאַריקאַטוריסט, א קונסט־פאָטאָגראַף. זיין פאָטער איז געווען א דייטשער אָפיציר, וועלכער האָט זיך מגייר געווען און חתונה געהאַט מיט א יידישער פרוי, פון וועלכע ער איז געבוירן. בזעט זאָל שוין אַזוי אַרום האָבן געבוירן געוואָרן אַלס ייד. שפּילט ביזן היינטיקן טאָג יידיש טעאַטער, און פאַררעכנט פאַר א גוטן אַקטיאָר.

אָראַנסקי — א ברודער פונם באַרימטן רוסישן פילם־סטאַר איוואַן מאָזשוכין — אָנגעהויבן אַלס טעאַטער־פריזיר'ער ביי ניעזלאָבינען אין רוסישן טעאַטער, שפּעטער אָנגעהויבן צו שפּילן ראָלן ביי ביעליאַיעוון און אין יאָר 1912—13 אַריבער צום יידישן טעאַטער און געשפּילט ביי גוזשיקן, אויפטרעטנדיק אַלס גראַף אין „פּינטעלע ייד". ווי מ'גיט איבער זאָל אָראַנסקי פּונקט ווי זיין באַרימטער ברודער מאָזשוכין שטאַמען פון פּאָליאַקן.

אַנהעלי — א פּראַוואָסלאַווע — אָראַנסקיס פרוי, געווען א גלענצנדיקע אַרטיסטין, געשפּילט דערנאָך צוזאַמען מיט איר מאַן ביי גוזשיקן — א פּאָר מאָל אין דער וואָך רוסיש, און די איבעריקע טעג — יידיש.

א באַזונדער קאַפּיטל אינם יידישן טעאַטער זענען די משומדים. וועגן דעם — אין א צווייטן אַרטיקל.

אין ניו־יאָרק
צו באַקומען די „ליטעראַרישע בלעטער" ביי
מאַקס נ. מייזעל
MAX N. MAISEL — 424 Grandstreet
New-York

# פאַרדריסלעכער דרוקפעלער אין אַ. ליעסינס לידער

אין ליד „פון דיר צו דיר" („ליט. בלעטער" נומ. 42, זייט 665), אין לעצטער שורה פון ערשטן פערז: אָנשטאָט „אָן שיעור אין דיין שיעור", דאַרף שטיין „אָן־שיעור אין דיין אָן־שיעור". עס דאַרף זיך לעזן:

אין איז מיין שאָטנדיקע זינד
דער שאָטן דיין —
דער שאָטן פון דיין ערד, וואָס שווינדלט
צוזאַמען מיט מיין זיין;
און איז דיין ערד נישטאָ,
פאַרבלייב איך ליכט אין דיר,
אין העל־געוועלבטן־בלאָ,
אָן־שיעור אין דיין אָן־שיעור.

אין ליד „הורכן פענסטער" אין ערשטער שורה פון אכטן פערז: פעלט א וואָרט „אין". עס דאַרף זיך לעזן:

טראָגט זיך דער געזאַנג אין בלויען און אין גרויען.

אין ליד „דאָס געוויין פון שאַהראַזאַד דאַרף אומעטום זיין דער אויסגלייך „שאַהראַזאַדיי" און נישט שאַהאַראַזאַד, וואָס איז נישט ריכטיק אויסגעלייגט.

קאָמיטעט אויף אַרויסצוגעבן אליעזר שטיינבאַרגס שריפטן
טשערנאָוויץ.

נאָר וואָס אַרויס פון דרוק איז א קנאַפּער צאָל
דער ערשטער באַנד פון
אליעזר שטיינבאַרגס שריפטן
מעשאלים באַנד I
— 320 זייטן פּראַכטפול געבונדן —
מיט פערצן האָלצשניטן פון אַרטור קאָלניק און א צייכענונג פון געאָרג לעווענדאַל אויף באַזונדערן קונסטדרוקפּאַפּיר.

אין דעם ראָזיקן באַנד גייען אַריין 150 משלים אין פינף ציקלען וואָס יעדער פון זיי הייבט זיך אָן מיט א באַזונדער מאָטאָ און אַריינפיר־פאַבל. דער באַנד באַקומט נאָך א באַזונדערע חשיבות דורך דעם, וואָס דער מחבר האָט אים אליין מסדר געווען, באַשטימט דעם הויסנלעכן אויסזען און צוגעגרייט צום דרוק. דער „קאָמיטעט אויף אַרויסצוגעבן אליעזר שטיינבאַרגס שריפטן" האָט נישט געקאַרגט קיין הוצאות און קיין טירחא, דעם באַנד אַרויסצוגעבן וואָס שענער און בעסער, און מען קען אָן איבערטרייבונג זאָגן, אז דאָס בוך קער צו די שענסטע און בעסט־אַרויסגעגעבענע אויפן יידישן ביכערמאַרק.

אינלאַנד — 250 ליי, אויסלאַנד — 1.60 דאָלער.
לוקסוס־אויסגאַבע: אינלאַנד — 500 ליי, אויסלאַנד — 3.20 דאָלער.
מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן אויפן אַדרעס פון „שטיינבאַרג־קאָמיטעט":
Dr. Gabriel Rosenrauch, str. Universitâtii 4,
Cernauti, Romaria.

יידיש
וואָכנשריפט פאַר קולטור־ענינים, ליטעראַטור און קונסט
אַרויסגעגעבן פון דער יידישער קולטור = געזעלשאַפט
רעדאַקציע: מ. באָריישאָ, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי,
לייבוש לעהרער, ה. לייוויק, דוד פּינסקי.
— אָנגעקומען דער № 20 —
אַבאָנאַמענט־פּרייז: אין די שטאַטן: 6 חדשים 2.50 דאָלאַר,
אין אויסלאַנד — 6 חדשים 3 דאָלאַר.
YIDDISH 130 E. 17-th str. New-York.
אין פּוילן — אַבאָנירט דורך די „ליטער. בלעטער"
פּרייז פאַר א קוואַרטל — 7 גילדן.
אַדרעס: „ליט. בלעטער", וואַרשע, לעשנאָ 10

# די באַלאַדע — די וויזיע פון בלוט

(רעפעראַט פון איציק מאַנגער אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין)

אין ליטעראַטן־פאַריין האָט איציק מאַנגער געהאַלטן זייער אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט „די באַלאַדע — די וויזיע פון בלוט". ס'איז געקומען די וואַרשעווער יידישע ליטעראַרישע משפחה און אויך אַ געקליבענער עולם פון צוהערער. איציק מאַנגער איז דיכטער אויך אין זיין רעדן. ער רעדט בילדעריש, וואַרפט פיינע רעפיניציעס, בליצט מיט שיינע געדאַנקען. זיין רעפעראַט איז אַ קונסט־ווערק.



איציק מאַנגער
(צייכנונג פון יצחק ברוינער)

איציק מאַנגער זאָגט:

„אייגנטלעך איז שווער צו דעפינירן דאָס וועזנטלעכע פון דער באַלאַדע אַזוי שרייבט איינער פון די אומצאָליקע ליטעראַטור־דאָצענטן אין זיין אַריינפיר־וואָרט צו דער אַנטאָלאָגיע פון דער דייטשער באַלאַדע. ס'לאָזט זיך נאָר זאָגן — שרייבט ער, — אַז די באַלאַדע איז אין איר אורשפּרונג געווען אַ טאַנץ־ליד און איז ביי היינטיקן טאָג אידענטיש מיטן אַמאָל אַזוי־גענגבאַרן נאָמען ראָמאַנצע.

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם דאָזיקן אַריינפיר ווערן מיר ווינציק וואָס קלאָר וועגן דעם מהות פון דער באַלאַדע. און כדי אָנצוטאַפּן דאָס וועזנטלעכע פון דער באַלאַדע, וועט איר מיר מוזן מוחל זיין דאָס אָפּערירן מיט קאָנקרעטע בילדער אָנשטאָט מיט אַבסטראַקטע דעפיניציעס. פאַראַן אַזעלכע ענינים, וואָס לאָזן זיך בשום אופן נישט פּענטען דורך אַ פאָרמולע.

דער רעדנער ברענגט אַ פּאָר ביישפּילן און צייכנט אָן די איבערגאַנגען פונם ליריש־אידילישן און ליריש־עלעגישן צום באַלאַדישן. דאָס גאַסן־מיידל, וואָס בלאָנדזשעט אויפן נאַכטישן טראָטואַר, און רופט אַרויס איר איינענעם שאָטן מיטן וואָרט „קום!". דער שווערער דראַמאַטישער געראַנגל מיטן שאָטן פאַרוואַנדלט דעם ליריש־עלעגישן עלעמענט אין באַלאַדע.

דער ביישפּיל פונם קינד, וואָס שפּיגלט זיינע בלאָנדע חנען אין בלויען שפּיגל און ווערט מיט דער אָנפאַלנדיקער רעמערונג איבעראַשט דורך דער שוואַרצער געשטאַלט, וואָס ציט זיך אויס איבער דער גאַנצער לענג פונם שפּיגל. דער אויסטערלישער געשריי פונם קינד, דער געשריי פון פחד — דאָס איז — די באַלאַדע. דאָס סוחרל, וואָס שפּילט זעלבסטבאַוווסט און זיכער מיטן זילבערנעם טאָלער. און ווי אַזוי דער דאָזיקער אידיליש־גראָטעסקער מאָמענט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַלאַדיש־דראַמאַטישן, אַדאַנק דעם אומזין־שפּיל, וואָס פאַרוואַנדלט דאָס סוחרל אין אַ קרבן פונם גרויסן זילבערנעם טאָלער — די לבנה.

די באַלאַדע, זאָגט דער רעפערענט, דאָס איז דער טונקעלער רוף, וואָס שלאָפט אין אונזער בלוט. דער אומזין, וואָס דרימלט הינטער אונזער לאָגיק. דער פלאַטער פון די קראָען דורך אונזער קלאָרן געמיט. די דראַמאַטישע בליצן, וואָס טראָגן זיך איבער די לאַנדשאַפטן פונם מענטשלעכן געמיט.

אינטערעסאַנט האָט דער רעפערענט אַנאַליזירט די באַרימטע באַלאַדע „דער ערל־קעניג" פון געטע. ער באַווייזט, אַז דער פאָטער איז אין דער דאָזיקער באַלאַדע אַן איבעריקער מאָמענט. אַ קילער ראַציאָנאַליסטישער אַנטיטעז, וואָס האָט קיין שום אָרגאַנישע שייכות נישט צו די האַלוצינאַציעס פונם פיבערנדיקן קינד.

אין דער דאָזיקער באַלאַדע דערקענען מיר בולט דעם פחד פון געטען — זיין אייביקע מורא פאַרן פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט. די דאָזיקע מורא, וואָס געטע האָט אין זיך געטראָגן אָנגעהויבן פון זיין „ווערטער" צייט, ביז אין די שפּעטע יאָרן פון זיינע אָלימפּישע דערגרייכונגען.

דער דאָזיקער פחד האָט אַריינגערוקט די געשטאַלט פונם פאָטער איז דער באַלאַדישער אַטמאָספער פונם „ערל־קעניג". און אַזוי אַרום איז דער באַלאַדישער שווונג אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די מורא צו קוקן דער מיסטעריע גלייך אין די אויגן אַריין, האָט אַדאַנק דעם קלאַסישן באַנעם פון גלייכגעוויכטיקייט געלייגט דער באַלאַדישער דערגרייכונג שטיינער אין וועג.

דאָס, וואָס דעם קלאַסיקער איז נישט געלונגען, איז געלונגען די ראָמאַנטיקער בירגער, און פאָ. (פאַר מיר איז ראָמאַנטיק נישט קיין שול־באַגריף!).

דער רעדנער פּאָלעמיזירט מיט דעם פאַלשן אויסטייטש פון ראָמאַנטיק. ער רופט אָן די ראָמאַנטיק די ווענדונג צום אילוזאָרישן, די באַפרייערין פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, די וווּנדערלעכע שוועסטער, וואָס האָט פאַרברודערט דעם מענטש מיט די עלעמענטאַר־גייסטער. די גרויסע ליבע צו דער פאָלקס־נשמה און צו אַלע פעלקער. אויב דער קלאַסיקער געטע האָט, למשל, געוואָרפן דאָס וואָרט „וועלט־ליטעראַטור" האָבן די דייטשע ראָמאַנטיקער די „וועלט־ליטעראַטור" רעאַליזירט.

דער רעפערענט שטעלט זיך אָפּ אויפן עצם פון דער באַלאַדע און אונטערשטרייכט איר קרובהשאַפט מיט דער דראַמע. ער מאַכט אַ ליטעראַטור־געשיכטלעכע עקסקורסיע איז באַמערקט, אַז די גערמאַנישע פעלקער, וואָס האָבן רעאַליזירט די באַלאַדע הן אין זייער פאָלקלאָר הן אין זייער קינסטלערישער ליטעראַטור — זענען אויך די טרעגער פון דער גרויסער דראַמע.

ער באַרירט די שייכותן פון דער אַלט־ענגלישער פאָלקס־באַלאַדע צו שעקספּירס טראַגעדיעס.

די ליניע, וואָס פירט דירעקט פון דער עדוואַרד־באַלאַדע, דער לאָרד ראַנדאָלף־באַלאַדע צו שעקספּירס „מאַקבעט" א. א. וו. ער וויל אין סטרינדבערגס גראַנדיעזע „חלום־שפּילן" געפינען דעם שייכות צו דער אַלט־נאָרדישער פאָלקס־באַלאַדע. — אינטערעסאַנט איז עס, — באַמערקט דער רעפערענט, — וואָס די סלאַווישע און ראָמאַנישע פעלקער, וואָס האָבן דעם באַלאַדישן מאָמענט אין זיך נישט געטראָגן, זענען הינטערשטעליק אויך אין זייערע דראַמאַטישע דערגרייכונגען.

מערקווירדיק איז, וואָס אין יידישן פאָלקס־ליד געפינען זיך זעלטן באַלאַדישע בליצן. און דערפאַר טאַקע איז די דראַמע דאָס צרה־קינד פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער רעפערענט מאַכט אַ ליטעראַטור־געשיכטלעכן שפּאַציר איבער דעם געראַנגל פון דער יידישער ליטעראַטור מיט דער באַלאַדע, אָנהויבנדיק מיט פּרצעס „מאָניש" ביז צו מאַני לייבן, און שטעלט זיך אָפּ אויף זיינע אייגענע באַלאַדישע עקספּערימענטן.

דער קאַמף פאַר דער באַלאַדע — פאַרענדיקט דער רעפערענט — איז דער קאַמף פאַר דער גרויסער יידישער טראַגעדיע. די וווּנדערלעך־שוואַרצע בלום פון דער דיכטונג — די באַלאַדע איז דער וועג־ווייזער צו דעם דראַמאַטישן דיאַלאָג, צו דער דראַמאַטישער קאָמפּאָזיציע.

X.


## ביבליאָטעקן און לעזער

ביי אונז באַקומט איר אומזיסט ביכער

פאָדערט אונזער קאַטאַלאָג!

אויך פּוילישע ביכער זייער ביליק

אַדרעס: Wyd. Sz Goldfarb, Warszawa, Zamenhofa 31

# „יאָשע קאַלב" אין מאָריס שוואַרצס קונסט - טעאַטער אין ניו - יאָרק

**י. י. זינגערס — יאָשע קאַלב**
**אין 2 טיילן און אין 28**
**סצענעס**

*דראַמאַטיזירונג און רעזשי*
*פון מאָריס שוואַרץ*



שאַרלאָט גאָלדשטיין — מלכהלע



לאַזאַר פריעד — נחומטשע



מאָריס שוואַרץ—רי מלך, דער ניעשעווער רבי



יהודית אַבּאַרבאַנעל — סערעלע, דעם רבּינס טאָכטער; חנה אַפּעל, סאָניאַ גורסקאַ און ליזע וואַראַן — ביי אָפּשניידן די האָר סערעלען.



מאָריס שוואַרץ — ר' מלך און משה זילבערקאַסטן — דער גבאי



איזידאָר קעשיר — קנה קברן



גוסטאַוו שאַכט — שכנא דיין



העלען זעלינסקאַיאַ — צביה

# פון דער וועלט־ליטעראַטור

### סד״יאָריקער געבוירנטאָג פון גערהאַרדט הויפּטמאַן

דעם 13־טן נאָוועמבער איז דער באַרימטער דייטשער ראָמאַניסט און דראַמאַטורג גערהאַרדט הויפּטמאַן אַלט געוואָרן 70 יאָר. אין דייטשלאַנד ווערט דער יובילײ זייער ברייט געפּייערט. עס ווערט פאַרגענומען אַ נאַציאָנאַלע אויסגאַבע פון זיינע אַלע דראַמאַטישע ווערק אין צוויי בענדער.

### טענות צו דער שוועדישער אַקאַדעמיע

הגם אין אַלגעמיין האָט מען די באַשטימונג פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע — צו געבן די נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור דעם ענגלישן שריפטשטעלער דזשאָן גאַלסוואָרטי — אָנגענומען מיט צופרידנקייט, — דאָך אָבער הערן זיך דאָ און דאָרט טענות און תביעות. אַ ריי שוועדישע שרייבער האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּראָטעסט קעגן דער אַקאַדעמיע, הלמאַי מ׳האָט נישט געגעבן דעם נאָבעל־פּרייז מאַקסים גאָרקי. זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַ סימפּאַטיע־דעפּעשע צו גאָרקין. דער ענגלישער „דאַיל טעלעגראַף״ באַגריסט דעם באַשלוס פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע, אָבער דערביי ווייזט ער אָן, אַז ס׳איז בכלל נישט צוועקמעסיק צו געבן אַ גרויסע געלט־פּרעמיע אַזעלכע שרייבער ווי גאַלסוואָרטי, קיפּלינג אָדער בערנאַרד שאָן; זיי פאַרדינען אַזוי אויך קאָלאָסאַלע געלט־סומעס. — די רוסישע פּרעסע פון פּאַריז באַדויערט, וואָס אויך הײ־יאָר האָט די נאָבעל־פּרעמיע נישט באַקומען קיין רוסישער שרייבער, הגם ס׳זענען געווען גאַנץ פעסטע האָפענונגען. אַז סוף־כל־סוף וועט מען געבן די פּרעמיע אַ רוסישן שרייבער.

### אָסקאַר בוים, דער בלינדער דייטש־יידישער קינסטלער, באַקומט די טשעכאָסלאָוואַקישע מלוכה־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור

דער בלינדער יידישער דיכטער אָסקאַר בוים האָט באַקומען די טשעכאָסלאָוואַקישע מלוכה־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור אויפן יאָר 1932 פאַר זיין ראָמאַן אין דער דייטשער שפּראַך „די שריפט, וואָס האָט נישט געזאָגט ליגן״.

אָסקאַר בוים איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1863 אין פּילזען און איז אַלס שול־קינד בעת אַן אָנפאַל אויף דער גאַס בלינד געוואָרן. בוים איז דערצויגן געוואָרן אין יידישן בלינדן־אינסטיטוט אין ווין, וווּ ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דיכטערישן טאַלענט. ער האָט אויך שטודירט מוזיק און איז געווען טעטיק אין פּראָג אַלס אָרגאַניסט און מוזיק־לערער. זייט 1921 ווידמעט זיך אָסקאַר בוים אויסשליסלעך דער ליטעראַטור און מוזיק־קריטיק. אָסקאַר בוים האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי ראָמאַנען, נאָוועלן און דראַמען. זיין ראָמאַן „נ. פּ. דער אַבענטויערער״ איז אין יאָר 1926 באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ פּריז.

### לענין־ביבליאָטעק אין מאָסקווע פאַרמאָגט עלף מיליאָן ביכער

אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ גרויסע עפנטלעכע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון לענין. לויט דער אַרבעט, וואָס די ביבליאָטעק טוט, דערנענטערט זי זיך צו די גרעסטע ביבליאָטעקן פון דער וועלט. אין דעם פּרט פון דער צאָל לעזער, וואָס באַנוצן זיך מיט די ביכער, האָט די דאָזיקע לענין־ביבליאָטעק שוין אַריבערגעיאָגט די באַקאַנטע ביבליאָטעקן אין דער וועלט. אין די פופציק ספּעציעלע צימערן ווערן געהיט אַרום זעקס מיליאָן ביכער, צווישן זיי פערציק טויזנט זעלטענע מאַנוסקריפּטן און צוויי הונדערט טויזנט מגילות.

די וויסנשאַפטלעכע טוערס פון דער ביבליאָטעק גרייטן צו אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן. עס איז שוין פאַרטיק צום דרוק אַ באַנד פון אַ ריזיקער ביבליאָגראַפיע, וואָס איז געווידמעט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין אָט דער אויסגאַבע וועט געגעבן ווערן אַן אויסשעפּנדיקע ביבליאָגראַפיע נישט בלויז פון איינצלנע ביכער, נאָר פון אַלע זשורנאַל־אַרטיקלען, וואָס באַרירן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די סאָציאַליסטישע בויונג. דאָס דאָזיקע בוך וועט אַנטהאַלטן איבער צען טויזנט זייטן.

אין דעם באַנד וועט זיך געפינען אַ באַזונדערע ביבליאָגראַפיע פון סטאַלינס אַרטיקלען, ביכער און פון יעדער אַנדער פאָרם פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט.

דעם 1־טן מאַי 1933 דאַרף פאַרטיק ווערן אַ נייער פליגל פון דער לענין־ביבליאָטעק. אין דעם פליגל וועלן קאָנען אַריין 5.000.000 ביכער. אויף אַזאַ אופן וועט די מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק פאַרמאָגן 11.000.000 ביכער.

לויט די ביז־איצטיקע ציפערן וועט צום סוף יאָר די צאָל לייענער אין דער לענין־ביבליאָטעק דערגרייכן ביי 45.000.000. דאָס אַרטיקל אין דער „איזוועסטיאַ״, וואָס דערציילט וועגן דעם אַלעם, זאָגט, אַז קיין שום עפנטלעכע ביבליאָטעק אין דער וועלט קאָן נישט אָנווייזן אויף אַזאַ גרויסער צאָל לייענער.

### געשטאָרבן סאַלאָמאָן ריינאַך, באַרימטער יידיש־פראַנצויזישער געלערנטער

אין פּאַריז איז געשטאָרבן דער באַרימטער פראַנצויזיש־יידישער געלערנטער סאַלאָמאָן ריינאַך.

סאַלאָמאָן ריינאַך איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1860 אין סען־זשערמען אַנ־ליי, זיין ספּעציאַליטעט איז געווען אַרכעאָלאָגיע.

סאַלאָמאָן ריינאַך איז געווען אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט. ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל וויכטיקע ווערק אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון וויסנשאַפט, פילאָלאָגיע און קונסט. אין דער צייט פון דרייפוס־אַפערע האָט ער און זיינע 2 ברידער ריינאַך געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע און פיל מיטגעווירקט פאַר דער באַפרייונג פון יידישן קאַפּיטאַן. דער גרויסער געלערנטער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט יידישע פראַגן. און האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל.

### 50 יאָר נאָכן טויט פון קאַרל מאַרקס

אין ראַטנפאַרבאַנד גרייט מען זיך צו פייערן דעם 50־טן יאָרצייט פון קאַרל מאַרקס. ס׳ווערן געגרייט אַ ריי אייסגאַבעס צו דער פייערונג. מען פּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ גרויסן זאַמלבוך, ספּעציעל געווידמעט די פראַגן פון מאַרקסיזם און לענינידם.

### שאָפּענס אַש זאָל איבערגעפירט ווערן קיין פוילן

עס גייען שוין לאַנג אונטערהאַנדלונגען צווישן פוילן און פראַנקרייך, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג זאָל דערלויבן איבערפירן קיין פוילן דאָס אַש פון באַרימטן פוילישן מוזיקער שאָפּען, וואָס געפינט זיך אויף פּער־לאַשעז.

דער גרויסער מוזיקער האָט פיל יאָרן פאַרבראַכט אין פראַנקרייך, וווּ ער איז געשטאָרבן אין יונגן עלטער, נאָך פאַר פערציק יאָר.

איצט מאַכט מען הכנות זיין אַש איבערצופירן קיין פוילן, אין זיין געבורטס־שטעטל זעלאַזואַ וואָלאַ ביי וואַרשע. אין דעם קליינעם שטעטל וועלן פאָרקומען פייערלעכע צערעמאָניעס. דאָס הויז, וווּ שאָפּען איז געבוירן, איז רעסטאַווירט געוואָרן אין סטיל פון יענער צייט, ווען שאָפּען האָט דאָרט געלעבט.

### אַ צווייטער דזשאָזעף קאָנראַד

דזשאָזעף קאָנראַד — דאָס איז דער נאָמען פון איינעם פון די באַדייטנדיקסטע ענגלישע שרייבער־ראָמאַניסטן, וואָס איז געבוירן אַ פּאָלאַק און איז אין זיין פריסטער יוגנט אַוועק פון זיין היים, פּאָלק און שפּראַך און איז געוואָרן אַן ענגלישער ראָמאַניסט. ער איז געווען פיל יאָרן אַ מאַטראָס און געשריבן וועגן דעם לעבן אויפן ים.

איצט האָט זיך באַוויזן אין אַמעריקע אַ צווייטער שריפטשטעלער מיטן נאָמען דזשעקלינד מאַרמור.

דזשעקלינד מאַרמור איז געבוירן אין פוילן, דערצויגן אין אַמעריקע (זיינע עלטערן זענען געקומען אַהער, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד). ער האָט איצט אויפגעשריבן אַ נאָוועלע „ווינד דריווען״ (געטריבן פון ווינט). די נאָוועלע איז פון זיינע רייזעס אויף די ימען, וווּ ער האָט פאַרבראַכט צען יאָר צייט. זאָגן איניקע ליטעראַטור־קריטיקער, אַז ער איז אַ צווייטער דזשאָזעף קאָנראַד.

די קריטיקער געפינען אָבער אויך אַן ענלעכקייט צו קאָנראַדן אין מאַרמורס אַרט שאַפן.

## יידישער קונסט = טעאַטער אין ניו - יאָרק

(2־טע עוועניו און 12־טע סטריט)

מאָריס שוואַרץ—דירעקטאַר



די קומענדיקע וואָך — יעדן פרייטיק שבת און זונטיק

# י. י. זינגערס יאשע קאַלב

דראַמאַטיזירונג און רעזשי — מאָריס שווארץ

אין די מיטנוואָך־טעג —

# שלום אַשס חיים לעדערער

דראַמאַטיזירונג און רעזשי — מאָריס שווארץ

די ווייטערדיקע אויפפירונג

## ה. לעיוויקס - דער נייער משיח (אָשר לעמלען)

---

## די באַוווּסטע דייטש - יידישע אַרטיסטין



# מאגדא קארמען

גאַסטשפּילן אין קראַקאָווער יידישן טעאַטער דירעקציע משה ליפּמאַן

## אין „צווישן צוויי פרויען” (אַ פּיעסע אין דריי אַקטן)

ס׳ווערט געגרייט: ג. הויפּטמאַן — הענשל פורמאַן

מיט מאַגדאַ קאַרמען אין דער הויפּט־ראָלע.

---

# יאַנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד

## אין ווילנער „אונזער טעאַטער” (פילהאַרמאָניע)

### פון 25 נאָוועמבער גאַסטשפּילן



רעפּערטואַר:

„לײדנשאַפטן”, פּיעסע אין 3 אַקטן פון מיכאל סאָרבול (ייד יש נ. מאַנדל).

„די סיבהי”, סאָציאַלע דראַמע אין 6 בילדער פון לעאָנאַרד פראַנק (יידיש יצחק טורקאָוו).

„טראַגעדיע פון אַ פרוי”, פּיעסע אין 3 אַקטן פון נ. האַרטענוי־טיל (יידיש ה. וועבער).

„אַ וווּנדערלעכע געשיכטע”, קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון ל. ווערנעי (יידיש יאָנאַס טורקאָוו);

„מאָרפיוס”, פּיעסע אין 4 בילדער פון ד״ר ל. הערצער (יידי ש יאָנאַס טורקאָוו).



Cena 50 gr. **Literarisze Bleter Nr 48** (447) Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Adres redakcji i administracji: „Litera risze Bleter", Warszawa, Leszno 10/8.

# אין הייַנטיקן נומער:

דזשאָן גאַלסוואָרטי — נחמן מייזיל
שפינאָזאַ־פּראָבלעמען (צו זיין 300 געבוירנטאָג) — לעאָ פינקלשטיין
אין טאָג פון גאולה (אויף א מאָטיוו פון מיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם חלומט") — ה. לייוויק
עפי (דערציילונג) — י. אָפּאַטאָשו
קריסטן אויף דער יידישער בינע — יאָנאַס טורקאָוו
א. לוצקי און זיין ניי בוך (לוצקי קעגן לוצקין) — א. אַלמי
די באַלאַדע — די וויזיע פון בלוט (רעפעראַט פון אי. מאַנגער) — X.

דאָס בוך, וואָס כ'האָב אָקאַרשט איבערגעלייענט (דאָס בוך פון סאָן־מיקעלע") — גיטל מייזיל
י. י. זינגערס "יאָשע קאַלב" אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער (8 בילדער)
פון דער וועלט־ליטעראַטור
פון וואָך צו וואָך (ליטעראַטור און קולטור, טעאַטער און קונסט)
בילדער, אַנאָנסן.

## צו אונזערע לעזער!

מיטן הייַנטיקן נומער שיקן מיר די אַבאָנענטן, וואָס האָבן אויסגעשריבן די „ליט. בלעטער" מיט דער ביכער־פּרעמיע

יונה ראָזענפעלד

## באַשערטע זאכן

העפט 2

## מאָריס לאַמפּע און געניא שליט

גאַסטשפּילן

אין יידישן טעאַטער „איז ווין"

אַבאַנירט און לייענט די וואכנשריפט פאַר יידישע קולטור־פּראָבלעמען

## יידיש

וואָס ס'גיט ארויס די קולטור־געזעלשאַפט
פּרייז פאַר א קוואַרטאַל בלויז 7 גילדן.

אין פּוילן אַבאָנירט ביי די „ליט. בלעטער"
אדרעס: „ליט. בלעטער" וואַרשע, לעשנע 10

HOTEL „BRITANIA"

Warszawa, Nowolipie Nr 18

Telefony: Centrala 11-64-15
Zarząd 12-09-12

## האָטעל „בריטאַניאַ", איז צענטער פון שטאָט, ניי אויפגעבויט.

באַזיצט 90 מאָדערן־איינגעריכטעטע צימערן, מיט די פענסטער אין א גאָרטן; הייס און קאַלט וואַסער אין יעדן צימער; צענטראַלע באַהייצונג. וואַנעס, טעלעפאָנען אויף יעדן שטאָק. ווינדע.

מוסטערהאַפטע ריינקייט — פולשטענדיקע רו. געשמאַקע און געזונטע קיך.

### פּרייזן זייער נידעריקע

אין אונזער האָטעל פאַרפאָרן ס'רוב יידישע קינסטלער און ליטעראַטן פון אויסלאַנד.

עס האָבן ביי אונז געוווינט א לענגערע צייט: צילי אדלער, ש. י. אימבער, י. אָפּאַטאָשו, י. באַטאָשאַנסקי, בערטאַ גערסטען, הערץ גראָסבאַרט, א. הארקאַווי, א. מאָרעוו סקי, דזשוליוס נאַטאַנסאָן, ש. ניגער, נעלי קעסמאַן און אַנדערע.

**ניינטער יאָרגאַנג**

אַבאָנאָמענט־פּרייז אויף יאָר 1932:
אין פּוילן (מיט דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 10 גילדן.
(אָן דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 5 גילדן.
אין אויסלאַנד (מיט דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 2 דאָלאַר.
(אָן דער ביכער־פּרעמיע): ¼ יאָר — 1 דאָלאַר.

**אַנאָנסן־פּרייז:** פאַר 1 מילימעטער־שורה 20 גראָשן.
אַנאָנסן־זייטן — האַלטן 6 שפּאַלטן.
אדרעס: „Liter. Bleter", Warszawa, Leszno 10/8
פאַר געלט: P. K. O. 6.39.
טעלעפאָן: 11.10-71
נישט אָנגענומענע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריקגעשיקט
און עס ווערט נישט וועגן זיי געפירט קיין קאָרעספּאָנדענץ.

Red. J. Mejsels. — Wyd. B. Kleckina. Drukarnia B-ci Wójcikiewicz, Warszawa.